הדלקת הנרות
5:50
זמן מוצאי שבת
7:16
סוף זמן קרי"ש 9:21

בעזהשי"ת
# קינדערגארטן וויקל
ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

פרשת
וירא
שנה ג' - גליון פ"ג
עש"ק י"ד חשון תשע"א


## מעסעדזש פון מנהל

חשוב'ע עלטערן! מיר האבן מעורר געווען אין די פארגאנגענע וואך וועגן מיטברענגען אין חדר א נאש פעקל. דאס איז באמת א איבעריגע זאך. און מיר האבן אויך שטארק ארום גערעדט צו די טייערע קינדערגארטן קינדער די וויכטיגקייט דערפון אז דאס פעלט נישט אויס. די קינדער האבן דאס זייער ערנסט אויפגענומען, מען זעהט שוין ב"ה די רעזולטאטן דערפון, די קינדער עסן דעם פרישטאג און לאנטש בעסער, קינדער פירן נישט קיין חשבונות מיט חברים א.א.וו.

אבער עס דאכט זיך פאר עטליכע עלטערן אז ווען מען זעהט אמאל איינס אדער צווי קינדער פון א באס ברענגען יא א קלייניגקייט, פאר סיי וועלכע סיבה מיינט מען אז א יעדער ברענגט שוין און נאר אייער קינד האט נעבעך נישט! דאס איז באמת א טעות קומט נאר און צייגט איבער אליינ'ס אז ב"ה עס איז ממש נאר "עטליכע" וואס ברענגען נאך אמאל אמאל א קלייניגקייט.

מיר האפן אז די עלטערן פארשטייען און וועלן מיט ארבייטן מיט די מלמדים אז די קינדער זאלן זיך אויסלערנען און קומען אין חדר אן דעם.

## חכמה'לעך

**אלעזר** זאגט אז ער האט איין נאמען אזוי ווי זיין רבי: ער הייסט **אלעזר הכהן** (כהנא) און זיין רבי הייסט ר' **אברהם הכהן** (ג'ברא)...

**ווען** דער מלמד האט פארציילט אין זיין כיתה אז נמרוד האט ארייגעווארפן אברהם אבינו אין קאלעך אויוועןהאט זיך יצחק פריעדמאן אנגערופן אה די זעלבע ווי **אברהם "אבינו מלכינו"...** ער לויפט שנעל צו די בלאק'ס און נעמט א רויטע בלאק און זאגט: אה **דעי נמ"רויט"** דע קאליר ווי דעי בלאק...

**א מאמע** שרייבט אז ליפא'לע האט גע'ענטפערט די שאלות אויף זיין אייגנארטיגן שטייגער: ווער האט גע'עפנט די באקס? **"מיין רבי"...** פון ווי זאל אברהם ארויסגיין? **"פון די פייער"...**

**ווען** ליפא'לע'ס זיידע האט אים געזאגט א **יישר כח זאלסט וואקסן הויעך אזוי ווי נח!** שרייט ליפא'לע **ניין! ניין! "נא-מאר" נח נאר לך לך א נייע סדרה.** ענטפערט זיין זיידע יא געדעכט א נייע סדרה...

**אלי' לייב'לע** האט געזעהן ווי זיין מאמע **מישט א טייג** האט ער געפרעגט זיין מאמע אויב זי גייט באקן **קיכעלעך פאר די געסט אזוי ווי שרה...** זעהענדיג ווי ער לעבט אזוי אין די סדרה האט די מאמע טאקע געמאכט א טייג און **אלי' לייב האט געמאכט קיכעלעך** און דערנאך געבעטן אז ער וויל טראגן פאר זיין רבי'...

## אברהם אבינו'ס געצעלט ביי אונז אין חדר

**מיין רבי** האט די וואך אזוי שיין פארציילט וועגן דעם געצעלט פון אונזער זיידע אברהם אבינו אז דאס איז געווען ספעציעל אהער געשטעלט אויפצונעמען געסט און מקיים זיין די מצוה פון **"הכנסת אורחים"**, ווי עס האט געהאט פיר טירן פון אלע זייטן א טיר אז די געסט זאלן שטענדיג אריינקומען און באקומען גוט צו עסן און טרינקען און ווען מען קומט צו אברהם אבינו'ס געצעלט דארף מען מאכן ערליך א ברכה פאר און **נאכן עסן געדענקען צו דאנקען דעם הייליגן באשעפער אויף אלעס.**



**דינסטאג:** רופט מיין רבי' אויס אין חדר: קומט'ס קינדער מיר וועלן גיין זעהן דעם הכנסת אורחים געצעלט פון אברהם אבינו ווי מען וועט קענען עסן און טרינקען. מיר האבן אראפ געשפאנט אויף די גאס ביים ווינקל פון ווייט און פען האבן מיר געזעהן דעם שיינעם **הכנסת אורחים געצעלט!** נאך איידער מיר זענען אריין האבן מיר באמערקט אז ביים טיר איז דא דער שיינער בוים פון אברהם אבינו'ס הויז וואס מאכט פיינע לופט נאר פאר צדיקים. מיר זענען אריין אין דעם געצעלט און זיך געזעצט צום טיש מיר האבן באקומען פיינע קאקי'ס מיט פיינע געטראנקען מיר האבן געוויסט אז איידער מיר גייען ארויס דארף מען צו דאנקען דעם באשעפער זייער הויך און מיר האבן טאקע אזוי הויך געזאגט **"הייליגער באשעפער איך דאנק דיך זייער"......** אזוי האבן מיר שיין פארברענגט דארטן און אביסל געזינגען מיט א דערהויבענקייט.



**מיטוואך:** זאגט מיין רבי היינט איז דא אין האלל אסאך צעטלעך אויפן וואנט ארויסגעהאנגען וואס ווייזן ווי צו גיין צום **"הכנסת אורחים געצעלט"** מיר האבן געקוקט אויף די עראו'ס וואס ווייזט ווי צו גיין אזוי זענען מיר ארום געגאנגען ביז מיר האבן שוין געטראפן דעם ספעציעלן חדר ווי עס איז געווען אנגעגרייט דער **"הכנסת אורחים געצעלט"** מיר האבן זיך גאר שטארק געפריידט און אראפגעזעצט שיין פארברענגט און זיך צוגעהערט ווי מיין רבי' פארציילט פון אברהם אבינו די מצוה פון **"הכנסת אורחים"**. אויך האט מען דארט פארטיילט פאר אלע געסט א **"ספעציעלע הכנסת אורחים פעקעלע"** וואס מיר האבן טאקע אליין געהאלפן נעכטן צוזאם פאקן דעם פעקל פאר אברהם אבינו מיר האבן זיך זייער גוט אויסגעלערנט ווי אזוי די מצוה פון הכנסת אורחים דארף צו זיין.



### התודה והברכה

מיר ווילן זיך טאקע יעצט באדאנקען פאר האברך היקר הרבני החשוב **ר' עזריאל מאיר קאהן הי"ו** מראשי וועד **קרן הבנין של ביהמ"ד החדש "ברך משה" סקילמאן סט.** פארן פאר די ספעציעלע פעקלעך געבעקס פאר די הכנסת אורחים פעקעלעך. תשוח"ח לו.

## עס וועט גוט זיין צום באנוץ

אין דעם "הכנסת אורחים פעקל" איז אויך געווען א גוטע "שטאק מאפע" וואס צייגט אן פונקטליך ווי זענען אלע כיתות. אזוי ווי דער בנין אין קע"ה שיין גרויס און ווען עלטערן קומען אריין צו א שמחה אדער צו אויפפיקן א קינד ווערט מען אפטמאל פארלוירן מען דרייט זיך ארום און מען ווייסט נישט פונקטליך ווי צו גיין. איז יעצט עכ"פ א גוטע געלעגנהייט דאס אוועקצולייגן און קענען נוצן ווען מען דארף דאס בעז"ה.

## השבת אבידה

אזוי ווי עס האט זיך אנגעזאמלט במשך די פארגאנגענע יארן פארשידענע ערליי וועש, קויט'ס, דזשעקעט'ס, קאפלעך פון קויט'ס, הענטשיך, סוועטער'ס א.ד.ג. ווילן מיר געבן א א געלעגנהייט צו קענען טרעפן א זאך וואס איר האט פארלוירן. אלע זאכן וועט אי"ה זיין אויסגעשטעלט ביי אונז אויף די קינדערגארטן שטאק די קומענדיגע וואך פ' חיי שרה פון זונטאג ביז דאנערשטאג יעדן טאג פון 3 ביז 5 נאכמיטאג, אויב ווייסט איר פון איינעם וואס האט עפעס פארלוירן ביטע זיי לאזן וויסן דעם פלאץ און צייט. נאך די וואך וועלן מיר אלעס אוועקגעבן פאר א ארגאניזאציע פאר ספעציעלע נצרכים אי"ה.

## ברכת מזל טוב חמה ולבבית

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב
פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד

### הרה"ח ר' יואל יצחק ראטה שליט"א

**לכבוד די געבורט פון זיין נייע אינגל בעיבי**
**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן אז דער ברית זאל זיין בעתו ובזמנו און איר זאלט צוזאמען מיט די ב"ב איהם מגדל זיין גרינגערהייט לתורה ולחופה ולמעשים טובים און איר זאלט שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און אייערע תלמידים**

## ברכת מזל טוב חמה ולבבית

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב
פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער טעראפיסט

### ר' חיים אלי' ברודער הי"ו

**לכבוד די געבורט פון זיין נייע מיידל בעיבי**
**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט איהר מגדל זיין גרינגערהייט לבעל תורה ולחופה ולמעשים טובים און איר זאלט שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און אייערע תלמידים**

**מיט פיהל כבוד און פארגעניגן וויל איך האבן דעם כבוד איינצולאדענען אלע אונזערע באקאנטע און גוטע פריינד**

## זיך צו באטייליגן ביי די "שלום זכר " דעם פרייטאג צונאכט שבת פ' וירא

**אין די נייע ביהמ"ד דמשק אליעזר "פאקש" 55 הערריסאן עוו. צווישן פען און ראדליטש**

מיר ערווארטן אייך מיט כבוד: יואל יצחק ראטה

## ברכת מזל טוב
פאר הילד
**מנחם מענדל ב"ר יואל וויסמאן ני"ו**
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי הערשל פעקעטע שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד
**מנחם משה ב"ר יצחק דוב גרינוואלד ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל כ"ץ שליט"א און ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד
**יחזקאל שרגא ב"ר יואל וואלף שווארטץ ני"ו**
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי משה יעקב אהרן בוקסבוים שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד
**יודא לייב ב"ר יחזקאל שרגא פריעדמאן ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל כ"ץ שליט"א און ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד
**יוסף שאול ב"ר צבי מאיר גאטליעב ני"ו**
לכבוד זיין ברודער'ס בר מצוה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יצחק אליעזר יאקאב שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד
**יחזקאל ב"ר יצחק עוזיאל סופר ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי אברהם הכהן ג'בּרא שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד
**יעקב ב"ר יואל זופניק ני"ו**
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל צוויבל שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד
**משה ב"ר אלי' ראובן סאפדי ני"ו**
לכבוד זיין ברודער'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ברוך הורוויץ שליט"א און ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד
**מנחם מענדל ב"ר יעקב יודא עסטרייכער ני"ו**
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי משה יעקב אהרן בוקסבוים שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד
**נתן דוד ב"ר מאיר משה שפיטצער ני"ו**
לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי דוד שמואל גאלדבערגער שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד
**מענדל ב"ר יואל מרדכי שעהר ני"ו**
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל וואלף שווארטץ שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד
**רפאל דוד ב"ר אברהם ג'בּרא ני"ו**
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי הערשל פעקעטע שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד
**משה ב"ר ציון עובדי' מאסרי ני"ו**
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יושע מאיר ווייזער שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד
**טובי' ב"ר יצחק שווארטץ ני"ו**
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי משה יעקב אהרן בוקסבוים שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד
**מנחם מענדל ב"ר יואל טאבאק ני"ו**
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי אברהם הכהן ג'בּרא שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד
**מנחם משה ב"ר יצחק דוב גרינוואלד ני"ו**
לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל כ"ץ שליט"א און ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד
**ברוך יודא ב"ר יצחק טאמבור ני"ו**
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל כ"ץ שליט"א און ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד
**מענדל ב"ר יואל קאהן ני"ו**
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי שמואל אברהם גרינפעלד שליט"א